פרשת חיי שרה תשפ"ג
גליון 49

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ד' פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו' דחנוכה, שנת תשפ"א לפרט קטן

*לכבוד די טייערע תלמידות בית פיגא שתחיו*

געבט אכטונג צו זיין אנגעטון ריין; דער רבי האט זייער מקפיד געווען מען זאל גיין אנגעטון ריין.

איר ווייסט די מעשה, אמאל זענען מיידלעך געגאנגען צאמנעמען צדקה ביי די הייזער, די וועג איז געווען פול מיט בלאטע און אלע זענען פארשמירט געווארן פון די בלאטע, נאר אדל דעם רבינ'ס טאכטער איז געבליבן ריין, אלע האבן זיך געוואונדערט 'ווי קען זיין אז זי איז געבליבן ריין?' האט אדל זיי געזאגט: "מיין טאטע – דער רבי – האט מיר אויסגעלערנט א וועג, אז אפילו מען גייט אין בלאטע זאל מען זיך נישט פארשמירן".

א מיידל וואס גייט אנגעטון איידל, ריין און שיין – איז דאס אליינס הפצה, אלע פרעגן: ווער איז די מיידל? וואו לערנט זי? זי איז ברסלב? ברסלב האט נארמאלע מיידלעך?

*א פריילבן שבת.*

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

### חלק ג'

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶערנָאךְ הָאט עֶר גִיזֶען אַ שְׁלָאס אוּן אַסַאךְ חֲיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם. אוּן דֶער שְׁלָאס אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן דִי חַיָילוֹת זֶענֶען אַרוּם גִישְׁטַאנֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַיין. הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט פַאר דִי חֲיָילוֹת. טָאמֶער וֶועלְן זֵיי אִים נִישט לָאזְן אַרַיין גֵיין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּוֶון. אוּן הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט דָאס פֶערְד, אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם שְׁלָאס. הָאט מֶען אִים גִילָאזְט.





מֶען הָאט אִים גָאר נִיט מְעַכֵּב גִיוֶוען, אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיין חֵדֶר צוּם אַנְדֶערִין אוּן מֶען הָאט אִים נִיט גִיוֶוערְט. אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין פַּאלַאץ. הָאט עֶר גִיזֶען. דֶער מֶלֶךְ זִיצְט דָארְט אִין אֵיין קְרוֹין. אוּן אַסַאךְ חַיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם אִים. אוּן אֵיין סַאךְ שְׁפִּילְן אוֹיף כֵּלִים פַאר אִים אוּן עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַיין גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים גָאר נִיט גִיפְרֶעגְט.

**פארזעצונג קומט אי"ה**

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### חוי שפילמאן דערציילט:

איך האב פארלוירן די טשארדשער פון מיין קעמרע, איך האב עס געזוכט איבעראל אבער איך האב עס נישט געקענט געפינען. האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שנעל טרעפן, און ש'כח אייבערשטער, איך בין געגאנגען עפעס נעמען פון מיין לעדל און מיט תפילה האב איך עס געטראפן דארט ווי איך האב שוין געקוקט אזויפיל מאל! ש'כח אייבערשטער!

### אסתר מלכי דעפריס דערציילט:

איך האב געדארפט גיין קויפן סחורה פאר די זאך וואס אונז גייען נייען אין סקול, בין איך געגאנגען צו וואלמארט. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז די סחורה אפטיילונג זאל נאך זיין אפן, און איך זאל קענען קויפן שיינע סחורה, און ב"ה זיי זענען געווען אפן און איך האב געקענט קויפן וואס איך האב געדארפט.

# נייעס אין בית פיגא

**די וואך דינסטאג נאכט איז פארגעקומען די פרייליכע חתונה פון א תלמידה בית פיגא פריידי אפפעלדארפער! ב"ה די מיידלעך פון בית פיגא האבן גאר שיין געטאנצן ביי די חתונה און משמח געווען די כלה.**

**קינדערגארטן, קרית ברסלב:** אלע מיידלעך זענען אזוי פרייליך מיט די שמחה אז טיטשער שיינדי האט געבוירן א אינגל בעיבי!

**עלטסטע קלאס, וויליאמסבורג:** די עלטסטע קלאס אין וויליאמסבורג האט די וואך געהאט גאר א געשמאקע קאכן און באקן קלאס. די מיידלעך זענען אריבערגעגאנגען צו די הויז פון מרת פארקאש, און דארט האט מען זיך אויסגעלערנט ווי אזוי צו באקן און קאכן פשוטע פיינע עסן, אזוי וועלן די מיידלעך אי"ה קענען צושטעלן גוטע עסן נאך זייער חתונה.

**וויליאמסבורג סקול:** מען האט גאר שיין מסדר געווען די ווילימסבורג באזאר, מען האט ארויסגעלייגט און אויפגעהאנגען אלע ווינטערדיגע זאכן. מען קען יעצט באקומען אין די באזאר הערליכע קליידער, שיך, און מאנטלען, פאר גאר ביליג. די באזאר איז א זאך וואס די ראש ישיבה שליט"א, האט זייער געוואלט אז מען זאל האבן. פארוואס? כדי אז מען זאל זיך קענען אנטון שיין און אויסזען אזוי cute מיטן צאלן $5 אנשטאטס $200.

# א שמועס אין בית פיגא

**די וואך האבן מיר אפגעהאלטן גאר א אינטערעסאנטע שמועס מיט מרת שפילמאן, וואס אירע טעכטער לערנען דא אין בית פיגא סקול.**

**ווען האבן אייערע טעכטער אנגעפאנגען לערנען דא אין בית פיגא?**

זיי לערנען שוין אין בית פיגא פאר אביסל מער ווי א יאר.

**איר געדענקט עפעס א שיינע זאך וואס זיי האבן פארציילט ווען זיי זענען אריין אין בית פיגא?**

זיי זענען געווען זייער פרייליך און צופרידן ב"ה, זיי האבן פארציילט אז מען האט זיי קאמפלימענטירט ווי צניעות'דיג זיי גייען אנגעטון.

**וואס האבן זיי פארציילט וועגן די טיטשערס אין בית פיגא?**

זיי האבן דערציילט אז ס'איז דא סקולס ווי די טיטשער און די מיידלעך זענען צוויי עקסטערע טיעמס, צוויי עקסטערע זייטן. די מיידלעך זוכן נאר ווי מען קען גיין קעגן די טיטשערס, נישט פאלגן די rules, און ווי מען קען גיין אנטקעגן די סקול. אבער דא אין בית פיגא איז עס איין גרויסע טיעם, עס איז דא א געשמאקע אטמאספער צווישן די טיטשערס און די מיידלעך, די טיטשערס האבן אזוי הנאה צו זיין מיט די תלמידות און די מיידלעך האבן אזוי ליב צו קומען אין סקול! אויף אזוי ווייט אז ווען עס איז נישט דא קיין סקול ווארטן שוין די מיידלעך צוריק צו קומען אין סקול. אבער פון די אנדערע זייט איז דא אזא שטארקע דרך ארץ, ווייל ביי די רבי איז געווען דרך ארץ א יסוד היסודות.

**וואס נאך קענט איר צולייגן?**

איך האב מיך נישט געקענט איבערקומען ווי זיי זענען געווארן פרייליך און צופרידן מיט זיך אליינס, זיי זענען געווארן זייער קאנפידענט. אויך האבן זיי אנגעפאנגען צו זאגן אסאך תהלים. ספעציעל האב איך געזען א גרויסע חילוק אין כיבוד אב ואם, זיי האבן אנגעפאנגען צו העלפן זייער אסאך, זיי טוען אלעס אינדערהיים!

**איז דא עפעס א שיינע מעסידש וואס איר ווילט זאגן פאר די בית פיגא מיידלעך?**

איך האב א שיינע קאמפלימענט. די מיידלעך פון בית פיגא האבן אלעמאל א גוט ווארט צו זאגן פאר מאמעס אויף זייערע טעכטער. ווען איך קום צווישן מיידלעך אין בית פיגא, אלעמאל קומען מיידלעך צו צו מיך זאגן א גוט ווארט אויף מיינע מיידלעך.

**מזל טוב!**

**פריידי אפפעלדארפער**
**(ווייזער)**

**צו איר חתונה!**

**מזל טוב!**

**חילע פארקאש**

**איר שוועסטער האט געהאט א אינגל בעיבי!**

**מזל טוב!**

**טיטשער שיינדי קורץ**

**צו איר נייע אינגל בעיבי!**